STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06109

GETSEYLTE REGE'S

Michael Basin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אילן פרני. מ. גאלסון.



ניט מחמת גאוה האָט דער מחבר ארייגעשטעלט זיין בילד אין דעם ביכל, נאָר כדי מען זאָל אים ניט פאַרבייטן מיט אַן אַנדערן, אַ באַקאַנטן דיכטער און אַנטאָלאָגיסט מיט דעם זעלבן נאָמען.

מיכאל באַסין

געצײלטע רגע׳ס

(לידער און פּראָזע)

ברוקלין נ. י
ה׳ תשי״ג — 1952

"SINGLE MOMENTS"

(POEMS AND PROSE)

Copyright 1952 by
MICHAEL BASIN
269 Neptune Ave., Brooklyn 35, N. Y.

341
Printed in the U. S. A.
WALDON PRESS, INC.
203 WOOSTER STREET, NEW YORK 12, N. Y.

דעם אָנדענק פון מיין טאַטן און מאַמען,
נתן־אברהם און חיה־שרה באַסין, צו קבורה
געבראַכטע אויף דער אַמעריקאַנער ערד,
און דעם אָנדענק פון מיין ברודער אליה,
דעם אומגעקומענעם אין פייער פון דער
רוסישער רעוואָלוציע — געווידמעט.

מ. ב.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט

1. פון די יונגע יאָרן

אַ שעה פון פרייד
ס'איז דער אייז צוגאַנגען
געווען איז יענער טאָג...
זי איז געזעסן...
ווען עס גייט אַ רעגן...
אין טעג פון נויט.

2. די ליבע פּראָווינץ

ווען אַ רעגן גייט
ווען די זון ווערט אָנגעצונדן
פרילינג
ליכט און שאָטן
אַ ווינטער נאַכט אין פּאַרק
טעג אַזעלכע
אַ ווינטער־ליד
ערגעץ זינגען...

3. שטאָט ניו-יאָרק

שטאָט גיו־יאָרק
ברייטאן ביטש
זייט געבענטשט
צו אַן אַרבעטער מיידל
טרעפּ

אין דער מיליאָנענדיגער שטאָט
אין טעג פון שטרייט
צו לוי גאָלדבערג
פאַנטאַזיע
אַז די געסט צוגייען זיך
צוגאַסט ביי דער מאַמען
אַליין צו זיצן...
הערבסט
ירושה
נאַכט ביי׳ם ים
וואָס עס זאָל שוין ניט פּאַסירן...
נייע פרייד.
די שיינקייט פון אידישן וואָרט
געציילטע רגע׳ס
צו ה. לייוויק
צום פּסח־סדר פון אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין
"Freaks like us"
עלנדע פרויען
ס׳איז כדאי.

4. פון פרעמדע קוואַלן (איבערזעצונגען)

פון דער בינע — ל. רייכשטאַדט
פאָרוואָרט צום ראָמאַן פון י. טשיריקאָוו
איך האָב ליב אין אַ פראָסטיגער נאַכט —
וואָלין־אייכענבאום
פעררער — וואָלין־אייכענבאום
דאָס וואָרט פון מלכי־צדק — ק. ג. באַטיושקאָוו
אַ מעשה׳לע פון לעבן — י. גיטין
די פילקלאַנגיקע שפראַך... — י. גיטין
אַ ליד — א. בלאָק
צו דיר, גאָט — ש. ג. פרוג

.5 בלעטלאַך פון אַ טאָג-בוך

איך דער אייזן-שטאָט
טעג פון הערבסט
ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ וועגעטאַריער
אין שיקאַגער שלאַכט-הויז
די באַהעפטונג מיט דער נאַטור
איך האָב געלייענט...
אין יעדן אמת'ן קונסטווערק...
פראַגמענט
צו מיין טאָכטער עטל
ווען אַ פריינדשאַפט ווערט צושטערט...

.6 אַ ביסל שפּאַס

היטל-גיטל
ציבעלע שאָלאַכץ
אונזין
פרויען, וואַרפט אַוועק דאָס שמינק

פאָרוואָרט

אַ, לידער מיינע, האַרץ־געזאַנגען,
איך גיב אייך יעצט אין פרעמדע הענט.
איך האָב אייך יאָרן-לאַנג געצערטלט
צווישן מיינע ענגע ווענט.

אין צייט ווען ס'האָט אויף אידיש לשון
אַ גזר אַ בייזער זיך פאַרשפּרייט —
וועט איר געפינען וואו איין אָפּקלאַנג
פאַר אייער אומעט, אייער פרייד?

צי וועט איר ליגן וואו פאַרגעסן
ווי אַ פאַרוועלקטער תבואה-זאַנג?
צי וועט איר טאָן אַמאָל אַ ציטער
ווי אַ פאַרביינקטער סטרונע־קלאַנג?

פון די יונגע יאָרן

אַ שעה פון פרייד

(צו . . .)

. . . געדיינקסטו יענע שעה
פון וואונדערליכער פרייד,
ווען מיר זיינען געזעסן ביים קאַמין,
און איך האָב דיר דאָס בוך געלייענט
פון דעם גרויסן דיכטער
פון דעם וויטן צפון־לאַנד ?

עס לעבט באַ מיר אין האַרץ
פון דעמאָלסט אָן אַ בלום,
אַ בלוטיג־רויטע רויז,
וואָס דופטיגט און וואָס שטעכט
און שאַפט מיר פרייד און פיין.
געדיינקסטו יענע שעה ?

עס האָט מיך דאַן פאַרכישופט
דיין שטיל פאַרטראַכט געזיכט,
דער צאַרטער וויכער בליק,
דער שמייכל אויף די ליפן
ענג צונויפגעפרעסט.

די וועלט איז קאַלט און האַרט,
און זעלטן קומט צו אונז אַ גרוס
פון קעניגרייך פון פרייד.
איך האָב דעם אָפּגלאַנץ פון דיין שמייכל
דאַן פאַבאָרגן אין מיין האַרץ
און כ׳טראָג אים מיט מיט זיך.
עס האָט דער שמייכל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלום,
וואָס דופטיגט און וואָס שטעכט
און שאַפט מיר פרייד און פיין.

געדיינקסטו יענע וואונדערלעכע שעה פון פרייד?

1920

ס'איז דער אייז צוגאַנגען

(אַ פרילינג־טאָג אינמיטן ווינטער.)

וואַסער שטראָמען רוישן, פליסן,
ס'ווערט דער אייז צוגאַנגען.
ס'איז די זון אַ ליכטיגע
ווידער אויפגעגאַנגען.

האָט זי זיך צושפרייזט, צעזונגען
איבערברייטן הימל.
האָט זי אויפגעוועקט די ערד
פון ווינטער־דרימל.

ווען עס שיינט די זון — דערפיל איך —
אומעט איז פאַרשוואונדן.
וואַכט אויף ווידער קינדער־פרייד,
עס היילן זיך די וואונדן.

כ'בין אין נעץ פון פרילינג־לוסט
און פרילינג־פרייד געפאַנגען.
וואַסער שטראָמען רוישן, פליסן,
ס'איז דער אייז צוגאַנגען.

1920

**
*

צו . . .

געווען איז יענער טאָג אַ ליכטיגער, אַ שיינער,
ווען דו ביזט אויף דער וועלט געקומען.
די ערד — מיט זון־ליכט אַ באַגאָסענע, די לופט —
ווי אָנגעזאַפּט מיט דעם גערוך פון בלומען.

עס האָט דיין זעל דאָס ליכט פון גאָט׳ס געבענשטער וועלט
אין זיך אַריינגעצויגן.
יעצט שטראַלט דאָס ליכט אַרויס פון דיר,
פון דיינע קינדיש־קלאָרע אויגן.

1920

**
*

Вот эта улица,
Вот этот дом.

אָט איז די גאַס, אָט איז דאָס הויז.
(פון אַ פּאָפּולער רוסיש ליד.)

זי איז געזעסן אויפ׳ן פענסטער,
און מיט איין האַנט געווישט אַ שויב.
ווי שטענדיג — מיט די אויגן גלעזער,
און אויפ׳ן קאָפּ דער מאַמע׳ס הויב.

איך בין אין גאַס פאַרבייגעגאַנגען
און כ׳האָב אַרויפגעקוקט צו איר.
געפלויגן איז מיין האַרצנ׳ס ברכה
צו יענעם הויז, צו יענער טיר.

1921

**
*

ווען עס גייט אַ רעגן און איך גיי אין גאַס —
ווערט מיין פּנים, ווערן מיינע קליידער נאַס.
נאָר איך גיי זיך לאַנגזאַם, איך האָב ליב אַזוי,
גיין אונטער׳ן רעגן, לאַנגזאַם אָט־אַזוי.

פליסן שטראָמען וואַסער איבער ערד און שטיין,
פרישן זיי די ערד אָפּ, וואַשן זיי זי ריין.
דאַנקט געוויס די ערד דעם גוטן, ליבן גאַסט —
נעמט ער דאָך אַראָפּ פון איר אַ שווערן לאַסט.

ווען עס וואָלט דער רעגן קאָנען אויך אַריין
טיף צו מיר אין האַרץ און אָפּווישן דעם פּיין...

1921

אין טעג פון נויט

דאָס האָסטו צו מיר געטאָן, —
אין מיין בלוט פאַרפלאָנצט געזאַנגען,
האָסט צושטערט מיין שטילע רו
און מיין האַרץ געפאַנגען.
זינט איך האָב דערזעהן דיך
האָט זיך אַלץ ווי אומגעביטן.
ווייס איך שוין נאָך וואָס איך בּיינק,
ווייס איך שוין צו וואָס געליטן.

כ׳בין אַ מענש פון אַרבעטס־פאָלק,
און מיט אים וועל איך פאַרבלייבן.
זאָל איך רופן דיך מיט זיך
וועסטו אפשר דאַרפן ליידן.
וועבסט דיין יוגנד אין פאַבריק,
ביינקסטו נאָך אַ פרייען לעבן.
וואָס־זשע קאָן איך, מיידל טאָן? —
כ׳קאָן דיר נאָר חלומות געבן.

ס׳איז דאָס לעבן קאַלט און האַרט,
ווי אַ גרויזאַמע מלחמה.
דאָך עס האָט די בייזע וועלט
ניט געביטן מיין נשמה.

ווען דאָס האַרץ פאַרגייט אין פּיין,
און ווי וועלף די זאָרגן ברומען —
זינג איך לידער, טרוים איך שטיל
פון דער צוקונפט וואָס וועט קומען.

באַ דער אַרבעט, ווייט פון דיר
בײנק איך מיט פאַרטרוימטע אויגן.
אַלץ וואָס איז געווען מיר ליב —
מיט אַ נעבל ווי באַצויגן.
דאָס האָסטו געטאָן צו מיר —
אין מיין בלוט פאַרפלאַנצט געזאַנגען.
האָסט צושטערט מיין שטילע רו
און מיין האַרץ געפאַנגען.

1931

די ליבע פּראָווינץ

ווען אַ רעגן גייט

דעם וואונדער פון דער אָפּשפּיגלונג פון אונדזער וועלט,
וואָס דו קאָנסט זעהן אונטער דיינע שפּאַנענדיגע פיס
ווען אַ רעגן גייט —

צי קאָנסטו אָפּשאַצן דעם וואונדער?
דעם צויבער פון פּאַרטראַכטע בוימער
וואָס הייגען קאָפּ־אַראָפּ, מיט צווייגן טיף אַרונטער
ווען אַ רעגן גייט —
צי האָסטו ווען דערפילט דעם צויבער?

אַ הימל איבער דיר און אונטער דיר,
און דו אינמיטן אין אַ וועלט פון חלום,
אין אַ וועלט פון סודות־פולער שטילקייט,
אין אַ וועלט פון וואונדער איבער וואונדער —
ווען אַ רעגן גייט...

(וואַשינגטאָן, דיק.), 1936

ווען די זון ווערט אָנגעצונדן

לויכטנדיקע יום־טובדיקע פרייד —
קוק אַ ריין אין מיין נשמה ווי אַ שטראַל אַ מילדער.
זינג, צעזינג זיך, בלוט, מיין בלוט,
טאַנץ אין מיינע אָדערן אַלץ ווילדער, ווילדער.

גרויקייט פון די וואָכעדיקע טעג —
ווי אַ נעבל ווער צערונען, ווער פאַרשוואונדן, —
ווי ס'פאַרשווינדן שאָטנס פון דער נאַכט,
ווען די זון ווערט אין פרימאָרגן אָנגעצונדן!

1938

פרילינג

עס ווערן בוימער אויף דער גאַס מיט גרינס באַצירט,
און ווינטלאך פרישע הויבן אָן צו בלאָזן.
ערוואַכט אין דיין געמיט אַ שטיל געזאַנג,
ערוועקט זיך אַ פערלאַנג
אַז מיט׳ן ווינטער זאָל אַוועקגיין אויך דיין צער
די בייזע שטורעמס זאָלן אויך דיין זעל פאַרלאָזן.

די מענשן פון דער שטאָט, וואָס יעדער איז פאַרנומען
נאָר מיט זיך —
ווי וואָלסטו זיי די זינד — און זיך אַליין דיין זינד —
געוואָלט פאַרגעבן.
לעבט אויף אין האַרץ אַזאַ מין פריידגעפיל,
פון יונגע כחות אַ באַנייטער שפּיל.
און ס׳דוכט זיך דיר : עס עפענען זיך ווייטקייטן און וועגן,
וואָס וועלן פירן דיך צו אַ באַנייטן ליכטיג לעבן.

1938

ליכט און שאָטן

אויף די וועגן פון מיין לעבן
האָבן פריידן, האָבן זאָרגן
זיך צושפּרייט.
ליכט און שאָטן — דורכגעפלאָכטן.
ווי ס'וואָלט עמיץ בלומען, דערנער
אויף אַ פעלד פאַרזייט.

זינג, נשמה! אין דיין אָפּגרונט
צווילינג ברידער — רו און אומרו
האַנט אין האַנט.
אין מיין מח, אין מיין האַרצן
אויסגעמישטע — גלויבן, צווייפל
זאַלבאַנאַנד.

אויף די וועגן פון מיין לעבן
גייען נאָך מיר ליכט און שאָטן
טראָט נאָך טראָט.
ווינטיק־שטורעמדיק זיי דרייען
און פאַרדרייען מיך אין ווילדן
קאַראַהאָד.

1938

אַ ווינטער נאַכט אין פּאַרק

אין שטילער אין פּראָסטיגער נאַכט
אויף איינזאַם־פאַרוואָרפענע וועגן.
עס גייט דיר דאָ קיינער ניט נאָך,
עס גייט דיר דאָ קיינער אַנטקעגן.

עס האָט דאָ דער ווינטער די ערד
מיט בלענדענדער ווייסקייט באַצויגן.
קוקט ליכטיגקייט דיר אין געמיט,
קוקט ליכטיגקייט דיר אין די אויגן.

עס שטייען די ביימער פאַרטראַכט
מיט נאַקעטע טרוקענע צווייגן.
עס האָט זיי דער ווינטער פאַרוויגט
אין אַ פאַרחלום׳טן שווייגן.

עס רופט און עס מונטערט די נאַכט —
— פאַרגעס אַלע זאָרגן,
שפּאַן ווייטער, שפּאַן ווייטער מיט מיר,
ביז מאָרגן, ביז מאָרגן!

1938

טעג אַזעלכע

(צו די גזרות אויף אידן אין אייראָפּע.)

טעג אַזעלכע שווערע, גראָע,
אָנגעלאָדענע מיט פּיין —
האָבן אונז דערדריקט, פאַרשאָלטן
יעדן טאָג פון אונזער זיין.

הערצער אין אַ קלעם געפּאַנצערט —
פול מיט יאָמער, פול מיט ווײ —
ווען וועט קומען דער באַפרייער
און דעם שונא זאָגן — שטיי?

אַך, מיר זיינען מיד צו וואַרטן
אויף דעם טרייסטנדיגן שפּרוך!
וועלט, מיר שיקן דיר מיט צאָרן
אונזער פלוך!

1938

אַ ווינטער־ליד

אויף מיין דערנערפולן וועג
האָב איך אוצרות אָנגעוואָרן —
טרוימען פון די יונגע יאָרן —
פרייד פון דורכגעלעבטע טעג.

דורכ׳ן לאַנגן שווערן גאַנג
אָפט געצווייפלט, אָפט געפאַלן.
דאָך ניט טויט זיינען די קוואַלן
פון מיין פריידיגן געזאַנג.

דורך די טעג און נעכט פון פיין
ווי אַ שטראַל אַ האָפנונג וועבט זיך,
פרייד האָט נאָך ניט אויסגעלעבט זיך,
ס׳וועט נאָך ליכטיג זיין!

1938

**
*

ערגעץ זינגען, ערגעץ קלאַפּן
רעדער פון די באַנען,
ערגעץ רוישן, ערגעץ שוימען
כוואַליעס אויף די ים׳ן.
ערגעץ אויף די ברייטע פעלדער
האָבן ווינטן זיך באַפרייט פון צאַמען.

ווינט און באַן און ים׳יג ליד
האָבן זיך צעשפּילט אין מיין געמיט.

1932

שטאָט ניו־יאָרק

שטאָט ניו־יאָרק

אויף די גאַסן פון דער רוישנדיגער שטאָט
האָט זיך פריידיג אָט אַזוי צוליגט מיין טראָט.
אומעט שטעטלדיגער איז אַוועק, אַוועק,
ווילט זיך זינגען אויפ׳ן נייעם, ניט געצאַמטן וועג.
זון באַלויכטענע די גאַסן, בלויער הימל, וואָלקנס מילד,
מחנות מענשן, מחנות מענשן, אַזאַ וואונדערליכעס בילד!
שטאָט ניו־יאָרק, האָסט מיך פאַרשיכור׳ט, ווי
מיט שוימענדיגן ווייך,
שטאָט ניו־יאָרק, דו ביזט מיר ליב מיט דיינע פריידן
און דיין פּיין.
דיינע גאַסן, דיינע סקווער׳ן ציען שטענדיג
מיך צו דיר, —
וואָס־זשע איז עס פאַר אַ כישוף, וואָס איז
איינגעפלאַנצט אין דיר?

דיינע רוישנדיגע באַנען זינגען איין איינטאָניג ליד:
ראַח־טאַ, ראַח־טאַ, ראַח־טאַ, ראַח־טאַ, נאָר איך ווער
פון דעם ניט מיד.
דיינע פייערן — די שילדן, אין דער נאַכט
וואָס האָט קיין רו,
דוכט זיך — רופן, און זיי ווינקען, און זיי זאָגן עפּעס צו.

1934

ב ר י י ט אָ ן ־ ב י ט ש

ס׳איז דער ים היינט שטיל און רואיג — שטיל און
רואיג מיין געמיט —
גיי איך דאָ אַרום ביים ברעג מיט לייכטע
זינגענדיגע טריט.
גיי איך דאָ אַרום אַליין אין שיין פון
שמייכלענדיגער זון —
שטיקלאך וואָלקנס אויפ׳ן הימל בלאָנזיען
וואו ניט וואו אַרום.
שטיקלאַך וואָלקנס אויפ׳ן הימל, ווי נשמות
אויף דער ערד,
אין געשטאַלט פון מענש און פויגל, חיה׳לאַך
מיט פיס און בערד,
צויבערפולע, שנייאיג־ווייסע, וואַנדערן
אַרום פאַרטראַכט,
אין אַ וועלט פון זון באַשטראַלטער, אין אַ
וועלט פול פראַכט.

1936

זייט געבענשט

יונגע פֿאָרלאַך אויף די אָוונטיגע גאַסן פֿון ניו־יאָרק.
פֿרייד פֿון הערצער שטראַלט אַרויס פֿון יונגע אויגן.
אויף ברייטער עוועניו, אונטער דאָס קלאַפּן פֿון דער באַן,
האָט אַ בחור׳ל זיין מיידל צו זיך צוגעצויגן.
און געקושט איר אין די ליפּן, אין די באַקן,
אין דער נאָז,
און זי קוקט אים אין די אויגן אַזוי גלויביג.
יונגע פֿאָרלאַך אויף די אָוונטיגע גאַסן פֿון ניו יאָרק —
זייט געבענשט מיט אַזאַ פֿרייד אַ לויטערער—אויף אייביג!

1936

טרעפּ

פֿון פּלאַטפֿאָרם צו דער באַן,
פֿון דער באַן צום פּלאַטפֿאָרם —
טרעפּ.
טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ.
ווערן טרעפּ אויסגעריבן
פֿון טויזנטער פֿיס.
וויגן זיך, טראָגן זיך
כוואַליעס פֿון מענשן
טאָג־אויס און טאָג־איין
איבער טרעפּ.

און אויך איך —
מיט מיין בענקשאַפֿט פֿאַרשטיקט,
מיט מיין האַרץ אין אַ צאַם
טראָג איך זיך מיט׳ן פּאַק פֿון די אַרבעטס־געצייג
איבער טרעפּ אין דעם מענשליכן ים.
שווער צו טראָגן דעם פּאַק
אין געדרענג פֿון סאָבוויי,
נאָר ס׳איז שווערער צו שטיקן די ביינקשאַפֿט פֿון האַרץ
ווען מען שוועבט אָט אַזוי
איבער טרעפּ, איבער טרעפּ,
טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ,
טרעפּ!

1938

**
*

אין דער מיליאָנענדיגער שטאָט,
אויף סקווערן, גאַסן, אין סאָבווײ —
די טעג פאַרגייען רוישיג־פריי,
נאָר האַרץ מיינס איז אין ווײ.

דעם צער פון ווייטן אייגן בלוט,
פון אַלטע דורות דאָס געוויין —
איך פיל טאָג־טעגליך, אויך אין פרייד,
אין מיין געביין.

1938

צו איין אַרבעטער מיידל

(סאָניאַ קרוגער)

ריינע שיינע אידיש אַרבעטס־מיידל —
קלאָר און ערלאַך זיינען דיינע אויגן.
גלאַט ווי סאַמעט זיינען דיינע באַקן.
דיין פאַרבענקטע זעל איז מיר פאַרשטענדלאַך, אייגן.

אין געראַנגל פון דעם לאַנד פון אונזער קינדהייט
האָסטו דיינע ליבסטע אָנגעוואָרן.
לעבסטו אָפּ דיין יוגנט אין דער וועלט־שטאָט
מיט אַ האַרץ אַן איינזאַמן, פאַרפרוירן.

האָסט ערוועקט אין מיר שוין האַלב פאַרגעסענע זכרונות,
אַ פאַרלאַנג צו טאָן דיר גוטעס האָסטו מיר געגעבן.
גיב איך דיר מיין האַרץ — און זאָל עס דיך דערוואַרעמען
אויף אַ וויטן לאַנגן לעבן.

.1936

אין טעג פון שטרייט

„האָסטו שוין פּרובירט אַמאָל
טרוימען שפּינען, פּערזן וועבן —
ווי־זשע קאָנסטו שוין אָן דעם
ווייטער לעבן ?
טרייסל אויף זיך, וועק דעם גייסט
פון טאָג־טעגליכער רוטינע.
גרוי איז אונזער וועלט אָן טרוים,
וועלט — צופּרעסענע פון שנאה״.

ס׳האָט אַזוי אַ פריינד גערעדט —
ס׳גייט מיר ניט אַרויס פון זינען :
טרוימען, פּערזן, קוואַל פון פרייד —
פאַר דער וועלט אַ ניי באַגינען.

וועלט אין אויפברויז, וועלט אין שטרייט, —
ווייט פאַרוואָגלט זין און ברידער —
וויינט דאָס האַרץ און זוכט אַ טרייסט
אין דעם קלאַנג פון לידער...

1942

צו לוי גאָלדבערג

פון ווייטן אַ געקומענער, אַ פרעמדער,
ניט דרייסט האָב איך צוערשט זיין שוועל באַטראָטן.
נאָר ער האָט מיך, כאָטש אומבאַקאַנט,
מיט פריינדשאַפט אויפגענומען,
און אַ מתנה גלייך געשיינקט —
זיין לידער־בוך — זיין האַרצנס בלומען.

מיט ציטער און מיט נייגיר־יגער פרייד
איך האָב דאָס בוך געבלעטערט.
נאָר שווייגנדיג און שעמעוודיגערהייט
איך האָב געקלערט:
גאָר אומגעריכט
איז מיר אַזוינס באַשערט.

יעצט אין זיין לידער־בוך — די „נאָענטע" —
אויך ליב און נאָענט מיר געוואָרן.
ווי ער וואָלט איינגעוועבט אין דעם
אויך קלאַנג פון מיין געמיט,
פון מיינע אייגענע פאַרביינקטע יאָרן
די אומרואיגע טריט.

1943

פ אַ נ ט אַ ז י ע

עס איז באַ מײַן פֿענסטער אין העלן פֿרימאָרגן
געפֿלויגן — געפֿלויגן אַ ליכטיגע טויב.
און איך בין אַ אינגל — מיט אויגלאַך צושטראַלטע,
און פּאַטש מיט די הענטלאַך, און קוק דורכ'ן שויב.

דורך יאָרן געדריקטע — איך קוק נאָך צום הימל,
דאָך אַלץ ווי אַמאָל איז די שויב אײַנדערמיט.
די ליכטיגע טויב פֿליט אַלץ העכער און העכער,
און איך אויף דער ערד — מיט מײַן עלנדן ליד.

1944

**
*

אַז די געסט צוגייען זיך טוט באַנג —
דער אָוונט איז פאַרגאַנגען אַזוי שנעל.
עס דוכט זיך דיר אַז עפּעס איז געבליבן ניט דערזאָגט
ווען מען שטייט שוין בײַ דעם שוועל.

און אַז מען קומט צונויף זיך נאָכאַמאָל —
אַ קוואַל פון פרישע רייד איעדערער פאַרמאָגט.
און ווידער פילסטו אַז דאָס טייערסטע און בעסטע
איז אַלץ געבליבן ניט דערזאָגט.

1944

צוגאַסט באַ דער מאַמען

וואָלקנס, רעגנס אין אַפּריל,
מאַי האָט אויך זיי ניט צוטריבן.
פלוצלונג קומט מיר אָן אַ בריוו —
מען האָט מיר אַזוי געשריבן:

„ס'בייַנקט די מאַמע שטאַרק נאָך דיר,
קאָפּ אירער איז טיף געבויגן.
הענט און פיס איר טוען וויי,
זי באַקלאָגט זיך אויף די אויגן".

אַך, מיין גאָט, וואָס איז עס דאָ
באַ דעם ים מיט מיר געוואָרן?
אַז דאָס בעסטע פון אַמאָל
אָפט פאַרגייט פון מיין זכרון?

האָט דער רעש פון גרויס־שטאָט
האַרץ מיינס אין אַ נעץ געפאַנגען?
אין געדעכעניש פאַרבלאַסט
מאַמעס האַרציגע געזאַנגען?

ס'איז געווען אין נייעם לאַנד —
יונגע יאָרן, גרינע יאָרן —
מאַמע בייַנקט נאָך אַלטער היים —
וויי, זי האָט עס אָנגעוואָרן!

אין דער שטאָט פון רויך און שטאָל —
פול מיט אומעט די פאַרנאַכטן —
האָט זי דאַן געצויגן לאַנג
אַ געזאַנג אַזאַ פאַרטראַכטן —

פון דעם פויגל וועלכער איז
געפלויגן איבער אַלע ים׳ן,
פון געוויין פון דער יתומה
אויפ׳ן קבר פון איר מאַמען.

לידער פול מיט צער און וויי,
לידער פון די אַלטע שטעטלאַך —
איר פאַרגייט מיט אייער דור,
ווי פון בוים פאַרוועלקטע בלעטלאַך!

מיט דער באַן אַ גאַנצן טאָג
איבער אַלט באַקאַנטע וועגן.
אַלטער שטעטלדיגער צער,
פיל איך, גייט שוין מיר אַנטקעגן.

טעג פון היינט און פון אַמאָל
הייבן אָן אין מיר זיך קריגן:
ווער וועט מיך באַהערשן דאָ?
ווער וועט ועמען דאָ באַזיגן?

שטיל אַזוי אין מאַמע׳ס גאָס,
שטיל אַזוי אין מאַמע׳ס שטיבל.
„נו, מיין זון, וואָס מאַכסטו, וואָס ?
האָב אויף מיר ניט קיין פאַראיבל.

כ׳קאָן ניט אויפשטיין היינט פון בעט,
ס׳טוען ווי מיר אַלע ביינער.
ס׳איז ניט גוט צו ווערן אַלט,
ס׳קאָן שוין מיר ניט העלפן קיינער.

נו, אַ דאַנק דיר וואָס דו קומסט —
פון ניו־יאָרק — אַ ווייטער פאָרן.
ווי־זשע גייט עס דאָרטן דיר ? —
דו ביזט אויך שוין גרוי געוואָרן.

כ׳וואָלט געוואָלט שוין שטאַרבן, יאָ,
אַז עס ווייטאָגט יעדער אבר.
אויף ליובאַוויטשער בית־עולם
נעבן טאַטן וואַרט מיין קבר.

אַז איך וועל אַוועקגיין — זע,
זאָלסט ניט וויינען, זאָלסט ניט קלאָגן.
אָט אַזוי פירט גאָט זיין וועלט —
דאָס פלעגט נאָך דער טאַטע זאָגן.

אַלץ וואָס לעבט — עס מוז פאַרגיין.
ס׳איז אַ חלום — ס׳גאַנצע לעבן.
קדיש זאָג נאָך מיר — ווער גאָט
דיר אַ לאַנגן לעבן געבן.

צוויי־דריי טעג דער מאַמעס גאַסט —
שווער פון איר אַוועקצופאָרן.
נאָר עס ציען מיך צוריק
פון גרויס־שטאָט די פרייע יאָרן.

פון דער וויטנס מאַמעס רייד,
דוכט מיר, טו איך אַלץ נאָך הערן:
„אַלץ וואָס לעבט עס מוז פאַרגיין״.
שפילט דער ים. איך שלינג די טרערן.

1946

**
*

אַליין צו זיצן ביי׳ם שטילן ים,
דערמאָנען וואָס עס איז פאַרגאַנגען.
דערפילן: ווייטאָג פון אַמאָל
האָט ווידער שוין דיין האַרץ געפאַנגען.

האָסט זיך גענאַרט — דו האָסט געמיינט
דו ביזט שוין פריי פון עבר־קלאַנגען.
ביינאַכט אַליין ביי׳ם שטילן ים,
דערמאָנען וואָס עס איז פאַרגאַנגען...

1946

ה ע ר ב ס ט

הערבסט. געלע בלעטער אויף דער ערד.
בוימער־צווייגן דאַר, פֿאַרטריקנט,
מיט אַ טענה אויסגעשטרעקט צום הימל :
ערשט געבליט — און שוין אַזוי
אומברחמנות׳דיג פֿאַרשעמט,
ווי פֿאַרביינקטע טאַטע־מאַמע
ווען די קינדער זיינען זיך צופֿאָרן אין דער פֿרעמד.

הערבסט. פֿויגל נידעריג איבער׳ן ים.
כוואַליעס טונקעלע, עס דוכט זיך, טענה׳ן אויך זיך
אויס מיט גאָט :
ערשט האָבן די זונען־שטראַלן איבער אונז געטאַנצט,
ערשט האָבן זיך מענטשן־קינדער איבער אונז געוויגט, —
איצטער הערן מיר בלויז פֿון דעם ווינד דעם שפּאָט,
זיין יללה און זיין יובל — אַז דער זומער איז באַזיגט.

הערבסט. אין מיין איינזאַם ווינקל נאַכטיג־שטיל
שאָטנס שפּרייטן אויס זיך זייט־ביי־זייט.
אָן אַן אויפֿהער, אָן אַן אויפֿהער
קלאַפּט דער זייגער אויס דעם גאַנג פֿון צייט.
אומעט הערבסטיגער עס קוקט אין פֿענסטער,
קריכט אין טיר.
טרוימען ליכטיגע — צי וועט איר קומען נאָך
צוריק צו מיר ?

1946

ירושה

מיין טאַטע איז געווען אַן אַלטער איד,
אַ האָרעפּאַשניק, פרום, און אַ גמרא־בלאַט
איז אים געווען פאַרשטענדיג.
האָט אויסגעלעבט די יאָרן אויפ׳ן היגן קאָנטינענט,
און אין זיין הויז, און אויף זיין בעט
די לעצטע טעג פאַרענדיגט.

געבליבן איז די מאַמע, איינגעבויגן, שוואַך,
מיט אַלטן פּעקל ספרים, מיט׳ן לייכטער פאַר די ליכט,
אַ אַשה צנועה, אַ נשמה — ציכטיג.
האָט זי געוואוסט: זי וועט צום טאַטן גיין,
און אין די אויגן, אָפּגעשוואַכטע פון די יאָרן און געוויין,
וועט שוין אויף אייביג ווידער ווערן ליכטיג.

עס איז געשעהן — און דאַן —
געבליבן איז אַ הויז און קינדער זעקס,
ערוואַקסענע, און יעדער אויף זיין אייגן גאַנג אין לעבן.
טאָ, וואָס־זשע איז געבליבן מער צו טאָן
ווי אַלץ פאַרקויפן און אַ יעדערן
זיין טייל ירושה אָפּצוגעבן?

איז מיר אַ קוויטל אָנגעקומען פון דעם אַדוואָקאַט.
צי האָט דער מענש געמיינט
ער שיקט מיר מיט׳ן בריוו אַ ביסל פרייד ? —
נאָר מיר — דאָס קוויטל בריט די הענט,
און וואו איך שטיי און גיי די טרערן מיינע ווערן,
ווי זריעה אויפ׳ן פעלד, — פאַרזייט.

1947

נאַכט ביי׳ם ים

איבער׳ן ים די נאַכט אַ שטילע
האָט אויסגעשפּרייט איר טונקל ציך,
און די לבנה מיט איר תפילה
אַזוי ווי איך, אַזוי ווי איך.

און דער גערויש און שפּיל פון כוואַליעס
צו מיר דערטראָגט זיך פון דער ווייט.
זיי זאָגן, דוכט זיך: חלום, חלום,
פאַרגעגעניכקייט, פאַרגעגעניכקייט . . .

1947

**
*

... וואָס עס זאָל שוין ניט פּאַסירן —
זאָרגן איז דאָך ניט כדאי.
צי געפינען, צי פאַרלירן —
ס'איז דאָסזעלבע, סיי־ווי־סיי.

קאָנסט דעם חלום ווייטער שפּינען,
אָבער פריידיק, ווי אַ קינד.
סיי־ווי־סיי וועט אַלץ צערינען,
ווי די כוואַליעס מיט'ן ווינט ...

1948

נייע פרייד

דאָס ליד איז געשאַפן געוואָרן צוליב
אַ בריוו פון חיפה, ישראל, פון אַ חבר
פון די אינגלשע יאָרן אין רוסלאַנד.

.1

ווי שיין, ווי מילד עס נידערט היינט
די זון צום האָריזאָנט.
עס האָט מיר מיינע יוגנדליכע
טעג דערמאָנט.
אַן אָרעם שטוב, אַ טיש, אַ בוך,
אַ זונען־שטראַל,
און פון די ביימער אויפ׳ן הויף
סוף־זומערדיגער בלעטער־פאַל.

.2

אַ בריוו, אַ גרוס פון וויטן לאַנד —
פון נאָהנטן לאַנד.
איבער׳ן ים האָט מיך דערגרייכט
אַ חבר׳ס האַנט.
פון לאַנד וואָס לעבט אין פאָלק׳ס געדאַנק
פון דור צו דור —

עס איז געוואָרן, ס'איז געשעהן,
פון חלום — וואָר!

3.

אַ חבר־גרוס פון כרמל־באַרג,
און מיט'ן קלאַנג
פון אַלטן אויפגעלעבטן וואָרט
ווי אַ געזאַנג.
אָ, יוגנדליכע זיסע פרייד —
כ'האָב דיך דערקאָנט.
ווי שיין, ווי מילד עס נידערט היינט
די זון צום האָריזאָנט!

1949

די שיינקייט פון אידישן וואָרט

די שיינקייט פון אידישן וואָרט —
עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן.
עס וועבן די אותיות אַ קלאַנג,
עס בויען זיך כישוף׳דיג זאַצן.

ענטפּלעקט זיך נשמה־געזאַנג,
און אָט איז אַ פערז שוין געבוירן.
אַזוי ווי פאַרצייטנס אַ וועלט —
איז עפּעס פון כאָאָס געוואָרן.

אַ לויב צו דעם שאַפנדן גייסט,
פון צוימען די וואַגנדע ברעכער!
עס קלעטערט דאָס אידישע וואָרט
העכער און העכער און העכער!

1950

געצײלטע רגע׳ס

אויף צאַרטע סטרונעס אויסצושפּילן
דעם שטילן ווײ פון מײן געמיט,
און בײנקשאַפט לויטערע פאַרזײען
אין ריטמישן געוועב פון ליד.
פון גרויע טעג געצײלטע רגע׳ס
פאַרהיטן אין אַ צויבער־קלאַנג,
און אַלטע טרוימען אויפצולעבן
אין אַ געזאַנג.

מיט גינגאָלד־שטראַלן אין פאַרנאַכטן
איז אויסגעשפּרײט מײן אײנזאַם וועג.
איז גוט אַזוי אין שטילקײט טראַכטן
פון די פאַרגײיענדיגע טעג.
די מילדע זון אין ווײטן מעריב —
זי קוקט אַרײן מיר אין געזיכט.
זי צאַנקט, זי צאַנקט . . . ווי אין דער קינדהײט
מײן מאַמעס שבת׳דיגע ליכט.

1950

צו ה. לייוויק

צו זיין קבלת־פּנים שבת אָוונט, סעפּט. 16, 1950, אין וואַשינגטאָן אירווינג הײַ־סקול, אַראַנזשירט פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

דיכטער, איידעלער און צאַרטער, מיט דעם ווייסן
קאָפּ און פּנים,
ברודער, עלטערער פון מיר אין יאָרן, וויסן,
און אין גייסט —
נעמט ניט אָן פאַר אומ׳כבוד וואָס איך, כמעט
אַן אומבאַקאַנטער,
האָב זיך היינט צו אייך פאַרנומען ריידן אַזוי דרייסט.

איך בין ניט קיין פרעמדער, ניין, איך בין גאָר
ניט קיין פרעמדער.
נאָך אין יענער וואונדערליכער יוגנד־צייט
ווען איר האָט זיך צו דעם לאַנד פון רויטן פאָן געצויגן—
אייער לויטער וואָרט צו הערן כ׳בין געקומען
פון דער ווייט.

כ׳האָב מיט אייער וואָרט געלעבט, און כ׳האָב מיט
אייער וואָרט געפיבערט,
און מיט אייך געוויטאָגט איבער דעם פאַרשוועכטן טרוים,
ווען עס האָט דער גואל זיך פאַרוואַנדלט אין רוצח,
און פאַרמאָסטן זיך די וועלט באַצווינגען אין זיין צוים.

פון די שניי־פעלדער סיביקער ביז דעם „גולם"
אוןי די „שמאַטעס",
ביז דעם פּיין פון נתן ניומאַן אין דעם קאָלאָראַדאָ־לאַנד,
ביז דעם קראָליקל דעם קליינעם מיט
די זוניק־רויטע אויגן,
וואָס זיין טויט האָט איר באַקלאָגט, געמאָלן מיט
אַ מייסטער־האַנט, —

ביז דעם שעפּס אויף דעם מזבח וואָס האָט
יצחק'ן פאַרביטן,
ביז די גרוילן פון טרעבלינקע, ביז דעם ווי
פון אונזער דור —
כ'האָב אייך נאָכגעפאָלגט מיט ציטער, און געלעבט
מיט אייער חלום —
ס'זאָל דעם חלום ניט פאַרשלינגען אונזער
שווידערליכע וואָר.

און אויך יעצט ווען איר קומט אָן פון דעם
באַנייטן לאַנד ישראל,
דורכגעליטן אַלע ליידן, און מיט צער און ליבע רייך —
כ'קוק אַרויף פון צווישן עולם, און עס וועקט זיך
אַ מחשבה —
אָ, מיין וואונדערליכער גורל! — ס'איז מיין האַרץ
אויך יעצט מיט אייך!

1950

צום פסח־סדר

פון אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון
ניו־יאָרק, ה׳ תשי״א. (4.21.51)

אין גרויסן זאַל, אויף ווענט און סטעליע,
אויף טיש און באַנק די שכינה רוט.
די פענסטער, טירן און די לאָמפּן
צוזונגען האָבן זיך — „ס׳איז גוט״!

פון ריזיג שטאָט די הייזער אַלע —
פון דער איסט־סייד און פון בראָדוויי —
מיט ביינקשאַפט קוקן צו דעם ווינקל,
מיט קנאה און מיט וויי.

זיי טענה׳ן: „גאָט האָסט אונז באַ׳עול׳ט,
און האָסט באַגליקט גראָד יענעם אָרט.
אַז מענשן מיט דעם טרוים דעם שענסטן
זאָלן זיך זאַמלען דוקא דאָרט״!

אַ יום־טוב׳דיג באַ׳חנ׳טער עולם.
טאָ קוקט, ווער אויגן האָט, און זעט —
ס׳ועט דאָ פאַרבלייבן לענגער, מילדער
דער לעגענדאַרישער פראָפעט!

אין שפּעטער שעה — ליכט אויסגעלאָשן
אין ווינקלאך שוועבט אַרום אַ סוד.
און ביינקלאך, טישן וועלן טאַנצן
געאַרעמט אין אַ קאַראַהאָד.

1951

"FREAKS LIKE US"

איך האָב אַזאַ מין בריוו באַקומען —
אַ פריינדליך בריוול, איידל, צאַרט:
„נו, יאָ, איך שרייב אַמאָל, ווען טרוים און שכינה קומען,
נאָר איך בין ניט גענאַרט.

„ווער דאַרף יעצט דיכטער, לידער, טרוימערייען?
ס'איז אונזער לעבן אין דעם לאַנד ניט ווי אַמאָל.
פון מענשן — דורשטיגע מיט וואָרט די וועלט באַנייען —
אַלץ קלענער ווערט דאָס צאָל.

„דאָס צאָל פון לידער־לייענער עס ווערט קלענער,
טעכניק, מאַשין רוקט אָפּ אונז אָן אַ זייט.
אַ חכמה'לע, אַ וויץ, אַ טענצל — דאָס איז
וואָס דער עולם וויל אין אונזער צייט.

„און איר זייט אויך פון די וואָס לעבן מיט אַ חלום? —
נו, האַלט עס אָן, אויב ס'טוט אייך גוט.
אין שפּעטער, שטילער שעה איך ווינש אייך — שלום!
גייט אָן מיט מוט!"

אַזאַ מין בריוו איין איינגעהאַלטן־טריבער.
דו טראַכסט פון דיכטער אין דער שטאָט — דעם ריז
פאַראיינזאַמטע אין אָפּגעצאַמטע שטיבער —
זאָל יעדערער געבענשט זיין וואו ער איז!

1952

עלנדע פרויען

עלנדע פרויען אין דירות לאַנגווייליגע.
קינדער פאַר זיך שוין, דער מאַן איז שוין טויט.
ווערט מען צוריק אויף דער עלטער אַ מויד.

טעג אין די שעפער. סוף־וואָך און די אָוונטן
הינטער פאַרשלאָסענע טירן אַליין —
אַזוי וועט דאָס לעבן פאַרגיין.

זונטאָג, נאָכמיטאָג, דערעסן די ראַדיאָ.
אויפגעראַמט. מיד. אין רעיונות פאַרטיפט..
הינטערן פענסטער אַ רעגנדל טריפט.

דורכקוקן דאַרף מען נאָך פעקל פון צייטונגען.
אָנטאָן זיך אפשר אין יום־טוב׳דיק קלייד.
קלונג באַ דער טיר. אונערוואַרטעטע פרייד.

1952

ס׳איז כדאַי

גוט אַזוי צו אויפשטיין אין פרימאָרגן
און אַליין שפּאַצירן באַ דעם ים.
אויף שטיל־כוואַליענדיגן אויבערפלאַך דעם בלויען,
אויפ׳ן אָפּגלאַנץ פון דער זון צו קוקן סתם.
גייט פאַרביי אַ שיף אַמאָל פאַראיינזאַמט,
פויגל אויפ׳ן זאַמד — פון ים די געסט, —
פלוצלונג נייע אַנונגען דערשפּירסטו,
און אין זיך אַ נייע וועלט דערזעסט.
ביז דער טאָג פאַראַנקערט זיך אַ הייסער,
ברייגנט אַהער דעם רויש פון שטאָט אויפ׳ס׳ניי —
זיך מיט זיך אין רואיגער פאַרטראַכטקייט —
ס׳איז כדאַי.

גוט אַזוי אין גאַנג פון מילדן אָוונט
טרעפן זיך מיט פריינד באַ דעם שפּאַציר.
רעגונגען, רעיונות קומען אונערוואַרטעט,
ווי אַ גאַסט אַ ליבער באַ דיין טיר.
אין דער שפּעטער שעה אַרום אַ כיבוד־טישל
פליסט געשפּרעך געמיטליך, פריי, —
נאָך דעם אין אַ לידער־בוך פאַרטיף זיך —
ס׳איז כדאַי.

גוט אַזוי אַ יונגן קינד באַגריסן, —
ביי׳ם געבורטסטאָג יום־טוב האָט זיך פרייד צושפרייט,
קינד וועט גיין מיט נייגיר צו דעם אונבאַוואוסטן,
וואָס דאָס לעבן האָט פאַר אים פאַרגרייט.
ס׳וועט אין וועג דערמאָנען זיך געשטאַלטן,
טעג פון קינדהייט, ווען ס׳וועט זיין פאַרביי.
זאָלן־זשע מיט וויין די גלעזער שפרודלען —
ס׳איז כדאַי.

1952

פון פרעמדע קוואַלן

(איבערזעצונגען)

די איבערזעצונגען טראָגן אַ צופעליגן כאַראַקטער. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען צו איבערזעצן לידער אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן. די לידער האָב איך מיט יאָרן צוריק געלייענט, זיי זיינען פאַרבליבן אין מיין זכרון און אין מיין האַרץ, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען מיינע אייגענע, און פון צייט צו צייט איז מיר איינגעפאַלן עפּעס פון מיין זכרון איבערצוזעצן. די צוויי איבערזעצונגען פון וו. וואָלין־אייכענבאום „פּעררער“ און „איך האָב ליב אין אַ פראָסטיגער נאַכט“ זיינען געווען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע“ (נאָוו. 30, 1945, און סעפּט. 5, 1947) אין אַן אַנדער ווערסיע. איך האָב דאַן די איבערזעצונגען געחתמעט מיט׳ן נאָמען מ. באַסין־סטאַראָדובער. אין דעם ביכל ווערן די איבערזעצונגען געדרוקט אין אַ פאַרבעסערטער ווערסיע.

מ. ב.

פון דער בינע

אויס דעם רוסישן, פון ל. רייכשטאַדט

כ׳האָב ניט ליב צו לייענען פון בינע,
איך פיל עפּעס אַ מאָדנעם שרעק,
איך ציטער פאַר די פרעמדע בליקן,
וואָס כ׳זע אַרום, פון יעדן ברעג.

אַזוי פיל מענשן! און אַלע פרעמדע!
און אַלע קוקן אַזוי שטרענג!
און וואַרטן פון מיר עפּעס וואָס,
איך זאָל זיי זאָגן נייעס וואָס!

נאָר היינט — אָ, היינט איז עפּעס אַנדערש!
מיין שרעק איז גאָר פאַרשוואונדן היינט!
איך לעז מיר אַזוי גרינג און מוטיג, —
אָ, דו ביזט דאָ, מיין ליבער פריינד!

איך זע ניט אַלע פרמעדע בליקן, —
כ׳זע נאָר דיין בליק, געווענדט צו מיר;
און אָט — כ׳וויל זאָגן דיר פון בינע
אַז איך — איך ליב דיך אָן אַ שיעור...

1919

פאָרוואָרט צום ראָמאַן
„דאָס לעבן פון טאַרכאַנאָוו״

אויס דעם רוסישן, פון יעוועגני טשיריקאָוו

...איינע איז געווען אַ ווייסע, די צווייטע אַ שוואַרצע. טאָג און נאַכט. פרייד און לייד... נאָר, וואו ענדיגט זיך פרייד און וואו הויבט זיך אָן לייד? אָ, ליבע אין פריי־מאָרגן פון לעבן, דיין פרייד איז פול מיט ליידן, און דיינע ליידן זיינען פול מיט פרייד! אַ טרויעריגער פרייד און זיסע ליידן...

1921

איך האָב ליב אין אַ פראָסטיגער נאַכט...

אויס דעם רוסישן, פון וו. וואָלין־אייכענבאום

איך האָב ליב אין אַ פראָסטיגער נאַכט
דעם ווייטן און לויטערן גלאַנץ פון די שטערן.
די תפילה פון הימל, און שטילקייט
פון ערד — וואָס מען קאָן זי אַזש הערן.

איך האָב ליב אין פרימאָרגן פון פרילינג
פון זון די באַנייטע יצירה.
דעם יום־טוב פון רו און פון ליכט,
דעם יום־טוב פון בייטן אַ דירה.

אין היץ פון דעם זומער און וואַלד
האָב איך ליב זיך אַליין צו באַהאַלטן.
דערשפירן דעם סוד פון דעם בוים און פון קוואַל
וואָס פליסט צווישן ערדישע שפּאַלטן.

אויך אָסיענדיג — בייזן געוויטער
איך ליב מיט זיין ווינטן־געזאַנג.
צו זעהן די פאַלנדע בלעטלעך
פון בוימער — עס טוט אַזוי באַנג!
פון טרערן, די אָסיענדיג־שווערע
איז ליב מיר דער קבורה געקלאַנג...

1945

פ ע ר ר ע ר (פאַרן הינריכטונג)

אויס דעם רוסישן, פון וו. וואָלין־אייכענבאַום

צום לעבן איך זינג אַ נצחון־געזאַנג,
מיין לעצטן געזאַנג!
עס האָט אַרום מיר זיך אַ שטורעם צוברומט,
נאָר דרייסט קוקן אויגן צו דעם וואָס עס קומט.
און מעכטיג מיין שטים איז און פעסט,
מיט רויש פון די וואָלקנס עס גייט אין פאַרמעסט!

עס איז ניט מיט שרעק יענעמ׳ס ווען פאַרבלענדט
ווער ס׳איז מיט זיין האַרץ צו דער צוקונפט געווענדט.
דאָס גליק אייערס איז פאַר אים שפּאָט,
פאַרשאָלטן האָט ער וואָס איר האָט.
די וועלט אין זיין האַרצן האָט שנאה פאַרזייט,
פאַר אים איז באַפרייאונג דער ערלאכער טויט.
עס איז זיין נשמה פאַרגאָסן מיט סם,
און ריין זיין געוויסן, אַזוי ווי דער פלאַם.

עס וועט פון מיין אויג ניט באַהאַלטן קיין שטראַל
ניט שטורעם, ניט וואָלקן, און ניט מיין שיקזאַל.
איך זע פון די הימלען די ווייטע דאָס ליכט,
פון וועלט פון דער צוקונפט איך זע דאָס געזיכט.
צו איר מיינע אָרעמס האָב איך אויסגעשפרייט,
זיך לייגן אין שויס פון דער ערד בין איך גרייט.
איך זע זי אַ פרייע — די ערד, און אָן זינד,
פון מענשן פון אַרבעט אַ פרייע געזינד;
און פון נצחון איך זינג אַ געזאַנג —
מיין לעצטן געזאַנג!

1945

דאָס וואָרט פון מלכי־צדק

אויס דעם רוסישן פון ק. נ. באַטיושקאָוו

געדיינקסטו וואָס עס האָט אַמאָל
געזאָגט דער גרויער מלכי־צדק
פאַרלאָזנדיג דעם לעבנס־טאָל ?
אַ שקלאַף געבוירן איז דער מענש,
אַ שקלאַף וועט ער אין קבר גיין,
און אויך דער טויט וועט אים ניט געבן צו פאַרשטיין
צו וואָס ער איז געגאַנגען מיט דעם
וואונדערליכן טרערן־וועג —
געהאָפט, געוויינט, געליטן, און אין אייביגקייט אַוועק...

1947

אַ מעשה׳לע פון לעבן

אויס דעם רוסישן, פון י. גיטין.

הערט: ס׳האָבן שונאים מיין אָדלער גענומען,
אים זיינע פליגל מיט קייטן געבונדן,
מיט אומריינע שנאָבלען זיין הויט אים געשונדן —
געשריי זיינעם ווער האָט באַנומען?
לאַנג אים געפייניגט, דעראָך אויפ׳ן שניי
איבערגעלאָזן — אַליין דאָרט צו שטאַרבן.
עס איז אַזוי ווייט. צי האָב איך דען פאַרבן,
צי האָב איך דען ווערטער צו מאָלן זיין ווי?

הערט: ער איז מוטיג געווען ווי אַ קעניג;
אויגן, באַלויכטן מיט חכמה און וויסן,
האָבן זיך שטענדיג צום הימל געריסן.
איז ער געווען בלויז דער זון אונטערטעניג.
האָט ער געשפּילט זיך מיט ווינטן־געדריי:
ווען פאַר׳ן שטורעם פלעגט אַלעס אומפאַלן —
ווי האָט ער ליב געהאַט דאַן זיך צוקנאַלן
מיט זיין נצחון־געשריי!

הערט : צו די פויגעלעך, הילפלאָז און קליין,
פלעגט זיין נשמה די איידעלע ציען,
האָט ער געלערנט זיי העכער צו פליען,
האָט ער דערציילט זיי ווי פרייהייט איז שיין.
אָט, אָבער יעצט אויף פאַרפרוירענעם שניי
ליגט ער און וואַרט אַז דער טויט זאָל שוין קומען.
עס איז אַזוי ווייט. אין מיין מויל זאָל פאַרשטומען.
מיין וואָרט קאָן ניט מאָלן זיין ווײ.

**
*

אויס דעם רוסישן, פון י. גיטין

די פילקלאַנגיקע שפּראַך פון דעם ים
איז מיר נאָהנט און פאַרשטענדיק געוואָרן.
ס'איז מיר ליב זיין צעוואַרעמטע פרייד,
ס'איז מיר ליב זיין צעיושעטער צאָרן.
איך קאָן פילן ווען כ'זיץ באַ דעם ברעג
האַלב אַ וואַכער און האַלב אין אַ דרימל,
ווי אַרומצירקלענדיק גאָר דעם ים
איבער מיר זון שפּאַצירט אויפ'ן הימל.

איך האָב ליב אָט דעם רעש פון ים,
פון די כוואַליעס באַגאָסן צו ווערן.
וואַסער־שפּריצן — דאָס זיינען ווי פונקען,
פון ים די צעזודיקטע טרערן
כוואַליעס קאָנען ניט דולדן קיין צאַם,
תפיסה פעלזיגע איז זיי דערווידער.
און באַ זיי נעם איך טרערן און פלאַם
פאַר מיינע צעשטורעמטע לידער.

1948

אַ ל י ד

פון רוסישן, פון אַלעקסאַנדער בלאָק

זי האָט באַפליגלט און מעלאָדיש
אַ פרילינגס־ליד געזונגען מיר.
האָב איך געזאָגט: „נו, זע, פרינצעסיך,
וועסט וויינען, איך וועל פעלן דיר״.

נאָר אירע הענט אויף מיינע אַקסל.
זי זאָגט מיר: „ביין, פאַר שווערע טעג
נעם מיט דיין שווערד. זיי גרייט צום שטורעם.
איך וועל פאַרהיטן דיך אין וועג.

נו, גיי, נו, גיי, וועסט יונג פאַרבלייבן,
און צו דער פליכט דיינער געטריי;
כ׳וועל אין מיין שלאָס מיין האַרץ פאַרזיגלען
מיט אייז, ביז ווינטער גייט פאַרביי.

און פרייד וועט זיין אין ווייטע בליקן,
און יאָרן וועלן פליסן שטיל.
אַרום מיין שלאָס — געפליסטער אייביג,
אַ טייכל דורכזיכטיג און קיל.

און ווּעסטו שפּעט צוריק זיך קערן —
כ׳וועל אויסשטרעקן צו דיר די הענט.
אויף שפּיץ פון שווערד ווּעסטו מיר ברענגען
דעם פרילינג ווי אַ זון צוברענט".

די ווייטקייט שפּרייט איר בלויען צודעק
איבער דיין שלאָס, איבער דיין טיר.
איך וועל פון ווייטן וועג, פּרינצעסין,
אַ פייער־פרילינג ברענגען דיר.

1948

צו דיר, גאָט!

אויס דעם רוסישן, פון ש. ג. פרוג

איך דאַנק דיר, גאָט, דערפאַר וואָס דו האָסט מיך
אין טעג פון שווערער זאָרג און ליידן אָן אַ מאָס
מיט דיינע אונזיכטבאַרע פליגל ניט באַשיצט,
מיך ניט געלאָזט הכנעה׳דיג דערשטיקן מיין פאַרדראָס.

אַ דאַנק דערפאַר וואָס דו האָסט מיך אין קעלט,
אין שקלאַפעריי, אין וואָגלעניש פון לאַנד צו לאַנד
די אויגן מיינע ניט פאַרבלענדט און ניט געלערנט מיך
פאַר גנאָד פון עולם־הבא שלום מאַכן מיט מיין שאַנד.

ניין. אַלע טעג מיינע צו דורכגיין אויף דער ערד
איך וויל אין פרייד. און מיינע פיינד וואָס האָבן מיין געמיט
מיט סם פון ברענענדיגע קללות אָנגעפילט —
און וויסן וואָס זיי טוען — זיי פאַרגיב איך ניט.

דערפאַר וואָס דו האָסט מיר מיין האַרץ צוגליט
מיט בייקשאַפט נאָך אַ לעבן פריי און שיין, אָן שפּאָט,
און פאַר דעם צאָרן פון מיין רעבעלירענדיגער זעל —
איך דאַנק דיר, שטאַרקער גאָט!

1951

בלעטלאַך פון אַ טאָג־בוך

אין דער אייזן־שטאָט

(פיטסבורג)

...אין פרייע מינוטן, ווען איך שפּאַציר אַרום איבער׳ן שטאָט — האָב איך אָפטמאָל ליב צו באַזוכן די באַן־סטאַנציע.

מען האָט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן דאָרט דאָס אוממיטעלבאַרע לעבן — טיפן פון טאָג־טעגליכן לעבן.

איך געדיינק מיט וואָס פאַר אַ קנאה פלעג איך קוקן אויף די אַלע מענשן וואָס דרייען זיך אַרום דאָ מיט אייניגע יאָר צוריק — אין די ערשטע פאָר יאָר פון מיין לעבן אין דעם פרעמדן לאַנד.

אַ קינד פון דעם קליינעם, שטילן, פּאַטיש־ פּאַט־ריאַרכאַלישן רוסישן פּראָווינצשטאָט, און אַן אַריינגעפאַ־לענער אין דעם רויש און טומל פון דער אַמעריקאַנער שטאָט — פלעג איך מקנא זיין די מענשן וואָס גייען שנעל, איילענדיג זיך צו דער באַן־סטאַנציע מיט רענצלאַך אין די הענט. זיי פאָרן ערגעץ וואו, זיי איילן זיך ערגעץ וואו, אַוועק פון אָט דער אייזן־שטאָט.

דאָך — מיט דער צייט האָב איך זי ליב באַקומען — די אייזן־שטאָט.

---

* * *

זאָג איך צו מיינעם אַ פֿריינד:

„געדיינקסטו זאַנגוויל'ס יוסף דעם טרוימער? דאָס קינד פֿון דער געטאָ, וואָס רייסט זיך אַרויס אין דער ברייטער וויטער וועלט אַריין? וואָס האָט מורא פֿאַר דער ברייטער פרייער וועלט און וואָס ס'ציט אים דאָך צו איר? — דאָס זיינען מיר עס, די קינדער פֿון דעם געטאָ, אַנטלאָפֿענע פֿון דאָרט אין אָט דעם נייעם לאַנד...

איך האָב ליב צו זעהן מענשן פֿאַרברייגגען זייערע טעג אין רו און פֿרייד, אין פֿרידליכן האַרמאָנישן צו־זאַמענלעבן און צוזאַמענאַרבעטן, אין ליבע פֿון איינעם צום צווייטן און צו גאָטס שיינער וועלט.

קעגן מיר אויף אַ באַנק זיצט אַ יונג פּאָרל מיט צוויי קליינע קינדער. ביידנס פּנימער ערנסט, זיי ריידן שטיל צווישן זיך איבער פֿאַרשידענע קלייניגקייטן, און אפשר עפּעס וויכטיגעס. ער האַלט דאָס עלטערע קינד, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר דריי, אויף די הענט, דאָס אינגערע קינד ליגט איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע אויפ'ן באַנק אינמיטן זיי. וואַרטענדיג אויף זייער צוג האָבן זיי זיך אויסגעהונגערט, און זי נעמט אַרויס פֿון פּעקל עסנוואַרג שטיקלאַך וויס־ברויט מיט פּוטער און טיילט עס איין צו אים און צו דער עלטערער מיידעלע. איך פֿיל עפּעס

אַ מאָדנע וואַרעמען געפיל צו אָט דער יונגער שיינער פּאָרל — פּאַר זייער ערנסטער זיכערער ליבע און אי־בערגעגעבנהייט איינער צום צווייטן און צו די קינדער.
ס׳איז שיין!

עס טרעפט אַמאָל — דו פאָרסט אַהיים פאַרנאַכט נאָך אַ לאַנגן שווערן אַרבעטס־טאָג. ס׳איז הייס. די זון גייט אונטער. די אָנגעגליטע שטיינער פון די גאַסן זיינען נאָך ניט אָפּגעקילט געוואָרן. אין טראַמוויי איז ענג און שטיקנדיג. דורך די פאַרשטויבטע שויבן שיינען אַריין די לעצטע שטראַלן פון דער זון. מענשן הייגען אויף די „סטראַפּס״ צוזאַמענגעפּרעסט איינער צום צווייטן, אַז מען קאָן זיך ניט אַ קער טאָן. עס טוען וויי די פיס און ביזט בייז אויף דער גאַנצער וועלט.
נאָר פּלוצלונג ווערט דיין האַרץ דערוואַרעמט. אַ אינגל פון אַ יאָר אַכט, וואָס פאַרדינט זיך שוין זיין ברויט כאַרקויפנדיג צייטונגען, האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן צווישן דעם עולם צום ברעג פון טראַמוויי וואו דער מאָטאָרמאַן זיצט, און וואַרט ביז ער וועט אים ביי׳ם ראָג פון גאַס די טירל עפענען. זיינע מלבושימלאַך זיינען אָפּגעריסן, די אַלטע צוקנייטשטע היטל אַראָפּגע־רוקט אויף אַ זייט, דאָס פּנים׳ל פאַרשוויצט. שמייכלענדיג מיט אַ ליבן קינדערשן שמייכל רעדט ער עפּעס צום מאָטאָרמאַן, און יענער נעמט מיט איין האַנט אַרונטער

דאָס היטל פון זיין קאָפּ און גלעט אים איבער די צוואוואָרפענע הערלאַך. אָ, ער, דער גוטער מאָטאָרמאַן פאַרשטייט אים, ער פילט מיט אים מיט, מיט אָט דעם יונגן קינד פון דער גרויסער שטאָט, וואָס מוז שוין יעצט אין זיינע ערשטע לעבנס־יאָרן פירן אַ קאַמף פאַר׳ן שטיקל ברויט, פאַרברייגגען זיין קינדהייט אין דער גרויסער שטאָט, ווייט פון דער בליענדער נאַטור, וועלכע זאָל רייך מאַכן זיין קינדישן מח און האַרץ, זאָל אַנט־פּלעקן פאַר אים איר פּראַכט, און מאַכן פּלאַץ אין זיין יונגער נשמה פאַר אַלעס שיינעס און ערהאַבענעס אינ׳ם לעבן...

1919

טעג פון העׂבסט

...ווי שיין זיינען די זוניג־שטילע טעג פון אָנהויב הערבסט.

עס איז דער הימל קלאָר, קיין וואָלקנדל אויף אים, עס ברענען ניט די זונען־שטראַלן מער, נאָר וואַרעמען און גלעטן צאַרט.

עס פאַלן בלעטלאַך פון די בוימער לאַנגזאַם איינע נאָך דער צווייטער, זיי זיינען געל און אויסגעטריקנט, דאָך ווילט זיך זיי נאָך ניט צושיידן מיט זייער מוטער־בוים. און קוק זיך צו, דו מענטשן־קינד, צום אָפּגלאַנץ פון די זונען־שטראַלן אויף די אויסגעדאַרטע בלעטלאַך — עס איז אויף זיי, עס דוכט זיך, אַ טיפער אומעט אויסגעשפּרייט — עס ווילט זיך זיי נאָך ניט אַוועקגיין פון דער וועלט.

און קוק זיך צו צום וואַסער פונ׳ם טייך — ס׳איז גלאַט זיין אויבערפלאַך, און ליכטיק־דורכזיכטיק, און ס׳ציט זיך ווייט און ברייט, עס דוכט זיך, אָן אַ סוף.

און ביזטו מיד פון שווערן לעבן אין דער שטאָט — ועסטו אין אזאַ טאָג פון הערבסט אין פעלד, אין וואַלד, צי ביי דעם ברעג פון טייך דערפילן אַ בייוקשאַפט און אַ צער, אַ צער אַ לויטערן וואָס מאַכט דיר ווייך דיין האַרץ. דאָס האָט אין דיר ערוואַכט די ביינקשאַפט נאָך איין אַנדער וועלט, דאָס שענסטע פון דיין איך, וואָס ליגט באַהאַלטן טיף אין דיר און רייסט זיך אויף דער פריי.

אָ, זאָלן זיין געבענשט די טעג פון הערבסט!...

1920

ווי אזוי איך בין געוואָרן אַ וועגעטאַריער

(עראינערונגען פון די קינדער־יאָרן)

דאָס וואָס איך וויל דאָ דערציילן איז פאָרגעקומען מיט מיר ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר צוועלף־דרייצן.

געוואוינט האָב איך מיט מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער אין דער רוסישער שטאָט סטאַראָדוב, טשערניגאָווער גובערניע, אין אַ ווייטער פאַרוואָרפענער געסל. מיין טאַטע איז אַן אָרעמער קרעמער געווען. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער מיט דער מאַמען אין קראָם זיצן און עס איז זיי אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש אויף דער „הוצאה" צו פאַרדינען. פון מיינע עלטערע צוויי ברידער, ווען זיי זיינען נאָך יונגע אינגלאַך געווען, האָט דער טאַטע געוואָלט בעלי־מלאכות אָדער „פרי־קאָזטשיקעס" (סיילסמען) מאַכן. זיי האָבן אָבער געוואָלט לערנען זיך. עס איז פאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן „צוויי דורות". געזיגט האָבן, נאַטירליך, מיינע ברידער. זיי זיינען געוואָרן „עקסטערניקעס", דאָס הייסט, מען האָט זיך געלערנט אַליין אין דער היים, און יעדן יאָר אָפּגעגעבן „עקזאַמען" אין גימנאַזיע, יעדן יאָר אויף אַ העכערן קלאַס. אויף אַזאַ אופן פלעגן אָרעמע אידישע בחורים ענדיגן גימנאַזיע אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיי אויך אָנגעהויבן געבן „אוראָקן" (לעקציעס) צו תלמידים, וואָס האָבן ביי זיי

געלערנט. און ענדליך איז דער טאַטע אויך געווען צו־
פרידן. ערשטנס האָט ער געלערנטע זין געהאַט, און
צווייטנס האָבן זיי אויך פאַרדינט בעסער פון אַ וועלכן עס
איז בעל־מלאכה אין אונזער שטאָט.

און אַ דאַנק די עלטערע צוויי ברידער האָבן מיר,
אינגערע קינדער, זיך שוין אויך געלערנט. און אָט אַזוי
איז עס אונזער אָרעמעס הויז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין
אַ בילדונגס־טעמפּל, וואו עס האָבן זיך אין אַלע ווינ־
קעלאַך געוואַלגערט פאַרשידענע לער־ביכער, וואו עס
האָבן זיך שטענדיג געפונען די נייעסטע ביכער פון
דער רוסישער ליטעראַטור, און וואו עס האָבן שוין,
זעלבסטפאַרשטענדליך, געהערשט די פרייהייטליכע אי־
דעען.

אין די קאַלטע אומעטיגע טעג פון הערבסט, ווען עס
פלעגט אָן אַן אויפהער אַ רעגן גיסן, און אויך אין
אָנהויב פרילינג, ווען דער דיקער פאַרהאַרטעוועטער
שניי פלעגט אָנהויבן צוגיין — פלעגט דאָס גאַנצע געסל
אַרום אָנגעפילט ווערן מיט בלאָטע, און מען פלעגט
קוים קאָנען דורכגיין, ניט אָנגעמענדיג „פּולע קאַלאָשן".
אָפטמאָל פלעגט אויך דאָס רוישיגע וואַסער, פליסנדיג
באַרג־אַראָפּ, דורך די ווענט פון אונזער הויז דורכרינען
און דאָס גאַנצע הויז מיט בלאָטע אָנפילן. ביטער פלעגט
זיין אויפ'ן האַרצן און עס פלעגט זיך ווילן שילטן די
גאַנצע וועלט.

דערפאַר איז אָבער פאַר אונז זומער געווען אַ לעבן. מיר האָבן געהאַט אַ לאַנגן, ברייטן און זייער אַ שיינעם הויף. מיט הויכע גראָזן איז ער געווען באַדעקט, אין אַלע ווינקעלאַך האָבן הויכע שלאַנקע ביימער געוואַקסן, און אין מיטן הויף איז געשטאַנען איין אַלטער דיקער באַרן־בוים, וואָס האָט ברייט און ווייט אַרום זיך אַ קילן מחיה'דיגן שאָטן געוואָרפן. אונטער דעם בוים האָב איך אין יענע זומער־טעג ליב געהאַט צו זיצן און צו ליגן, ביכלאַך לייענען און אויפ'ן ווייטן קלאָרן הימל קוקן, און טראַכטן פון ווייטע פאַרבאָרגענע וועלטן און פון נעכטיגע טעג...

אין אַ ווינקל פון הויף איז געווען אויפגעבויט אַ גרויסער שטאַל, וואו עס פלעגט דאָס ברען־האָלץ ליגן. יעדן זומער פלעגן מיר אין דעם שטאַל אַ שטיקל פלאַץ ריין מאַכן פון שפּענדלאַך און פון שטויב, איין אַלטן טיש מיט צוויי שטולן אַוועקשטעלן, און דאָ פלעגן מיינע עלטערע ברידער זייערע לעקציעס געבן מיר און מיינע צוויי שוועסטער.

עס פלעגט זיין אַ סך שפּאַס און געלעכטער. איינמאָל, סוף ווינטער ווען די טעג זיינען שוין געוואָרן וואַרעמער, האָבן מיר געפּראַוועט אַ לויה פון אונזערער אַ קאַץ, וועלכע שכנישע בייזע הינט האָבן ביינאַכט צוריסן נעבן אונזער גאַניק. דער אָנפירער פון דער זאַך איז געווען דער ברודער אליה. פון שפּענדלאַך און קלעצ־לאַך האָט מען געמאַכט אַ מין מטה, די קאַץ איז אויף

דעם אַוועקגעלייגט געוואָרן, און מיר אַלע, קינדער, זיי־
נען געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע, איבער דער גאַנצער
לענג פון הויף, טראָגנדיק די טויטע קאַץ צום הינטערן
שטאַל, וואו אַ גריבל איז שוין געווען אויסגעגראָבן און
די קאַץ איז באַגראָבן געוואָרן. און נאָכדעם האָט אליה
אַריינגעקלאַפּט אַ ברעטל אַלס „מצבה". און די מאַמע
האָט פון גאַניק געשמייכלט קוקנדיג אויף דעם איינפאַל
פון די קינדער.

יעדן זומער פלעגן מיר, די איננגערע קינדער,
אויף אונזער הויף אַ שטיקל גאָרטן מאַכן. מען פלעגט
די ערד אויפגראָבן און „בייטן" מאַכן, אוגערקעס און
ציבעלעס און אַנדערע גרינסן פאַרזייען. עס פלעגט
אָבער די גערעטעניש אַלע מאָל זיין זייער אַן אָרעמע. און
די מאַמע פלעגט לאַכן פון אונזער גאָרטן:

„וואָס קענט איר שוין מיט אייערע קינדערשע כחות
אויפטאָן. מען וואָלט באַדאַרפט אַ גויה דינגען, זי זאָל
גוט אויפגראָבן און ריכטיג פאַרזייען — וואָלט עפּעס
געווען".

יעדעס יאָר פלעגט עס די מאַמע זאָגן, מען וואָלט
באַדאַרפט אַ גויה דינגען, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט
געדונגען. ווייזט אויס, עס האָט זיך ביי דער מאַמען
אין די קעשענעס קיין איבעריג געלט ניט געוואַלגערט.

ביינאַכט, ווען מען פלעגט פון הויז אַרויסגיין פלעגט
דער הויף זיין פול מיט סודות, אונטער'ן בוים האָב
איך מורא געהאַט צו גיין דאַן — עס איז די פינסטערניש

געוועז אַזוי געדיכט, אַזוי שוואַרץ, און די לאַנגע צווייגן פון די בוימער וואָס האָבן כמעט ביז דער ערד דערגרייכט האָבן אויסגעקוקט אַזוי ווי הענט פון משונהדיגע באַ־שעפענישן, וואָס ווען מיך באַלד כאַפּן און פאַרשלינגען. פלעגט מען שטיין אויפ׳ן גאַניק און קוקן. פון וויטן האָט זיך אַ זילבער־קלאָרער טייך געצויגן, און נאָך אים ברייטע לאַנגע פעלדער, און נאָך וויטער, אַ שוואַרצער וואַלד. איבערן קאָפּ האָט זיך אַ בלויער הימל געצויגן און טויזנטער שטערנדלאַך האָבן אויף אים געשיינט און געפינקלט. די פאַרכישופטע לבנה וואָס איז איבער׳ן הימל געשוואומען האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין טייך, און אין דער אַרומיגער שטילקייט פלעגט זיך בלויז הערן דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין טייך.

און יעצט, ווען איך טראַכט וועגן דער געשיכטע וואָס איך וויל דאָ דערציילן דוכט זיך מיר אַז די גאַנצע געשיכטע האָבן פאַראורזאַכט יענע זשאַבעס וואָס האָבן געקוואַקעט אין טייך.

אין איינעם פון יענע זומערס האָב איך פיינט באַקומען פלייש. עס האָט זיך אַזאַ געדאַנק באַזעצט אין מיין קינדישן מח: יעדן מאָל וואָס איך פלעג אין מויל נעמען אַ שטיקל פלייש האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז איך האַלט אין מויל אַ זשאַבע. עס פלעגט מיר ווערן ניט גוט אויפ׳ן האַרצן און איך פלעג עס מוזן אויסשפּייען. ענדליך האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט פלייש צו עסן,

און איך האָב געגעסן בלויז דאָס געקעכטס. אין אָנפאַנג האָט מען עס ניט באַמערקט. און נאָכדעם אַז מען האָט זיך אײַן שטוב געכאַפּט איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. מײַנע ברידער און שוועסטער האָבן געלאַכט: „וואָס איז, ווילסט זײַן אַ וועגעטאַריאַנער?" און די מאַמע וואָס האָט דאָס גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין האָט אויך גע־לאַכט: — „אַזוי פרום ביזטו, זשאַלעוועסט די בהמות וואָס מען קוילעט זיי?"

און דאַן האָב איך געטראַכט: אויב אַזוי, אויב מען רופט מיך שוין יאָ וועגעטאַריאַנער — טאָ לאָמיך כאָטש דעם נאָמען פאַרדינען. און איך האָב דאָס געקעכטס, וואָס איז צוזאַמען מיט'ן פלייש געקאָכט געוואָרן, אויפ־געהערט צו עסן. איך האָב זיך געשפּייזט בלויז מיט ברויט און מיט די גרינס וואָס די מאַמע פלעגט ברענגען פון מאַרק. עס איז דער טומל אין הויז נאָך שטאַרקער געוואָרן. און וויפיל מען האָט מיט מיר ניט געטענה'ט — אַז איך זאָל וואַרפן מײַן משוגעת, אַז איך וועל קראַנק ווערן — עס האָט גאָר ניט געהאָלפן. איך האָב מיר מײַנס געטאָן. און די מאַמע האָט געטענה'ט: — וואָלטן מיר כאָטש אַ בהמה געהאַט — וואָלסטו מילכיגס געגעסן. אָבער, דאָס מילכיגס וואָס מיר האָבן — דעם קריגל מילך וואָס איך קויף אַמאָל אין מאַרק...

דריי חדשים זײַנען פאַריבער. מען האָט אין שטוב גערעדט, אַז איך בין זייער דאַר און מאָגער געוואָרן, איך האָב אָבער גאָרניט געשפּירט.

איינמאָל האָט מיין עלטערער ברודער הירש בשעת׳ן לערנען מיט מיר אין שטאָל אָנגעהויבן צו ריידן וועגן דעם. איך זאָל אַוועקוואַרפן אָט די נאַרישקייט, האָט ער געטענה׳ט. ווייל, אויב איך האָב קיין רחמנות אויף זיך ניט — זאָל איך אויף דער מאַמען רחמנות האָבן. זי קען דאָך מיך באַזונדער מיט מילכיגער שפייז ניט באַזאָרגן. „און ענדליך, האָט ער געזאָגט, ווייסטו אַז מען קען פון דעם ערנסט קראַנק ווערן און אַפילו שטאַרבן? און ווייסטו אַז אַפילו טאָלסטאָי איז ערשט צו דרייסיג יאָר געוואָרן אַ וועגעטאַריאַנער? און ער איז דאָך אַ רייכער מאַן און קאָן זיך מיט וואָס ער וויל באַזאָרגן".

איך האָב געשוויגן די גאַנצע צייט וואָס ער האָט גערעדט. עס איז מיר געווען אומעטיג. איך האָב די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט און כ׳האָב געוויינט. יאָ, איך האָב געוויינט. עס האָט מיך פאַרדראָסן וואָס זיי מיינען אַלע, אַז עס איז ניט מער ווי אַ קינדישער קאַפּריז. עס איז קיין קאַפּריז ניט געווען. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך מוז פאַר אַ שטיקל צייט מאַכן אַ קאָמפּראָמיס, ביז איך וועל עלטער ווערן און ווערן זעלבסטשטענדיג.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן ביז דעם יאָר 1918, ווען איך בין שוין מיט דער גאַנצער פאַמיליע געווען אין אַמעריקע. אין פּיטסבורג, פּענסילווייניאַ. ביז יענער צייט האָב איך זיך געמאַטערט, יאָ געגעסן, און ניט געגעסן די אַלע זאַכן פון וועלכע עס האָט מיך געעקלט. אַ קורצע צייט פאַר מיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע (אין 1912)

האָב איך געזאָגט צו אַ חבר מיינעם פון יענע אינגלשע יאָרן, דוד העניקין, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל אין אַמעריקע אָנהויבן פאַרדינען אויף זיך — וועל איך ווי־דער ווערן אַ פולשטענדיגער וועגעטאַריאַנער. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט אינטערעס און מיט דרך־ארץ.

1918

*　*　*

עס זיינען שווער געווען די ערשטע „גרינע" יאָרן אין אַמעריקע. איך בין אַריינגעפאַלן אין איר אינדוסטריעלער מאַשין אין דעם עלטער פון 15 יאָר. איך האָב געאַרבעט אַלס אַ לערן־אינגל אין אַ פאַבריק פון רעגן־מאַנטלען, אַלס אַ „פעקער" און „סטאָק־באָי", אין אַ פאַבריק פון „טראָנקס" (שווערע טשעמאָדאַנען), אַלס אַ „האַנט" אין די בעקערייען פון די „נעשאָנעל ביסקוויט קאָמפּאַני". איך האָב אַפילו געאַרבעט אַ קורצע צייט אין די שטאָל־פאַבריקן אַרום פיטסבורג.

איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט און אָנגעשלאָסן זיך אַלס מיטגליד אין אַ אידישן צוויג פון די „יאָנג פּיפּלס סאָשעליסט ליג". עס איז געווען אַ צייט פון יוגנדלעכן שטורם, און דראַנג, און אומרו, און אַ צייט פול מיט שיינע האָפענונגען.

אין אַ זונטאָג אין מאָנאַט יולי, 1918, האָב איך פאַר־בראַכט מיט חברים פון דער אָרגאַניזאַציע, אַלע 20 און

22 יעריגע בחורים, ביי אַ פּיקניק אין אַ פּאַרק. מען האָט געגעסן „קאָרנד־ביף סענדוויטשעס" און אַנדערע פּאָ־טראַוועס. און דאַן איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלן: זאָל דאָס זיין דאָס לעצטע מאָל אין מיין לעבן וואָס איך עס פליישיגס. און אַזוי איז געשעהן.

איך האָב נאָך אַלץ געוואוינט אַ שטיק צייט נאָכדעם מיט מיינע טאַטע־מאַמע. נאָר מער האָבן זיי שוין מיר ניט געשטערט. אָבער די מאַמע האָט זיך נאָך אַלץ גע־וואונדערט, און אין פאַרלויף פון די שפּעטערדיגע יאָרן האָט זי מיך ניט איינמאָל מיט פאַרדראָס געפרעגט: וואָס־זשע, מיין זון, וועסט טאַקע קיינמאָל ניט עסן קיין ברעקל פלייש, קיין פיש, קיין שטיקל עוף"?

נאָר דער טאַטע, אַ קלוגער איד, אַ למדן, און כאָטש אַליין אַ פלייש־עסער, פלעגט איר זאָגן:

„חייה, לאָז אים צורו, אפשר איז ער גערעכט"...

זיי זיינען שוין ביידע אויפ'ן עולם־האמת...

1950

אין שיקאַגער שלאַכט־הויז

...זייענדיג אין שיקאַגאָ האָב איך באַזוכט די פּאַב־ריק־געגנד פון שטאָט און די באַרימטע „סטאַק־יאַרדס" (שלאַכט־הייזער). דאָרט האָב איך געזעהן דאָס וואָס איך האָב דערוואַרטעט. צוערשט שמוץ און אַ געשטאַנק ביז צום ברעכן, און נאָכדעם די גרויזאַמע סצענעס פון שלאַכטן די חיות. מען מוז ערשטוינט ווערן זעהענדיג די גלייכגילטיגקייט פון די אַרבעטער, ווענען עס פּאַלט זאָגאַר ניט איין דאָס זיי באַגייען אַ פאַרברעכן יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט פון זייער לעבן. אין דעם קלאַפּן פון די אייזערנע קייטן, אין דעם קלינגען פון די שאַרפע מעסערס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך הער די קללות און געשרייען פון די טויזנטער אומשולדיג פאַרמוטשעטע באַשעפענישן. און איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען נאָך איין אָנדערטהאַלבן שטונדיגן שפּאַציר בין איך אַרויס אויף דער פרישער לופט.

1923

...די באַהעפטונג מיט דער נאַטור מאַכט דעם מענשן שענער און רואיגער, און מער פעהיג צו באַנעמען דאָס גליק פון דער וועלט.

1925

* * *

...איך האָב געלייענט מאַקסים גאָרקי׳ס בוך — ערי־נערונגען וועגן ל. נ. טאָלסטאָי. דאָרט דערציילט זיך, אַז ווען טאָלסטאָי איז נאָך געווען אַ קינד אין וויג פלעגט ער זיך רייסן פון די פענטעס, אין וועלכע ער איז געווען איינגעשנורעוועט, און דאָס, באַמערקט גאָרקי, קאָן דינען פאַר אַ סימבאָל פון זיין גאַנצן שפּעטערדיגן לעבן, ווען ער האָט זיך געריסן פון די פענטעס — די פאַלשקייטן פון דער וועלט.

איך בין ניט טאָלסטאָי, אָבער — אוי, ווי! איך רייס זיך אויך פון די פענטעס...

1931

* * *

...אין יעדן אמת׳ן קונסטווערק געפינט מען טיילן פון׳ם אייגענעם איך.

1931

פראַגמענט

די ריזיגע, די מיליאָנען־קעפּיגע שטאָט איז גלייכגיל־טיג און קאַלט צו דיין צער.

און ווייטאָגט דיין האַרץ, און גייט אויס דיין נשמה אין פּיין — וועמען גייט עס אָן?

די שטאָט ווייס ניט פון דיינע זאָרגן און וויל ניט וויסן.

טראָג דיין צער אין זיך אַליין.

אויטאָמאַט־רעסטאָראַן, 14טן גאַס, נ. י., 1938.

צו מיין טאָכטער עטל

...קינדערלאך דיזעלבע אומטעום עס גייען אין נאָכ־מיטאָג מיט די פּעקלאַך ביכלאך, און טאַנצן אונטער, זינגען אויס דיזעלבע לידלאך. פרישן זיי מיר אָפּ מיין אַלטן צער, דעם האַלב פאַרגעסענעם, וואָס דרעמלט אין מיין האַרץ, און וועקן אויף זכרונות פון אַמאָל.

נאָר קינדערלאַך —

זיי זיינען דאָך ניט שולדיג וואָס זיי האָבן אין מיר, אַ מענשן אַ ווילד פרעמדן, וואָס שפּאַנט אַזוי פון סאָבוויי צום טראַמוויי מיט'ן געפּעק פון אַרבעטער־געצייג, — זיי זיינען דאָך ניט שולדיג וואָס זיי האָבן אין מיר ער־וועקט אַ ביינקשאַפט און אַ צער.

בענש איך אין דער שטיל די לוסטיגע, די שרייענדיגע מחנה, און איך דערשלינג די טרער וואָס אָט־אָט וויל דערגיין צום אויג, און שפּאַן זיך ווייטער אָט־אַזוי אַוועק, אַן איינזאַמער אויף אונבאַקאַנטן וועג...

ערגעץ אויף נעק ראָוד, ברוקלין, 1938.

* * *

...ווען אַ פריינדשאַפט ווערט צושטערט — וויינען מלאכים אין הימל.

ווען אַ ליבע פאַרוועלקט — טרויערט גאָט אַליין.

און די זון, אַ פאַרשעמטע, באַהאַלט זיך הינטער די וואָלקנס.

קומט זי ווידער אַרויס — האָט זי שוין אַ נייעם פלעק אויף זיך.

עס דערשפּירן דעם פלעק אויף דער זון די גראָזן אין פעלד, די בוימער אין וואַלד, די חיות אין זייערע נאָרעס. רויִשן מעלאַנכאָליש־סודותדיג די גראָזן, יאָמערן די ווינטן צווישן די בוימער, וואָיען די חיות פון וואַלד.

נאָר איין אַשמדאי, דער שוואַרצער שטן מיט די רויטע ברענענדיגע אויגן, טראָגט זיך אַרום מיט אַ ווילדן נצחונ׳דיגן געלעכטער איבער די אָפּגרונטן פון דער ערד.

פון די נישטיגע צוויי־פיסיגע חיות — פון די קליינע מענשעלאַך לאַכט ער, און פון זייער גאָט, דעם פאַר־טרויערטן.

אַלע פאַלשע, נשמה׳לאָזע בלומען האָבן די מענשעלאַך איינגעהיט, נאָר די ליבע־בלום, וואָס זייער גאָט האָט זיי געשענקט — האָבן זיי דערהרג׳עט.

1943

אַ ביסל שפּאַס

היטל־גיטל

עס איז שוין היינט דער 15טער סעפּטעמבער —
האָב איך מיר געקויפט אַ נייעם היטל.
איך וועל גיין אין גאַס אַליין שפּאַצירן —
אפשר וועל איך זעהן די שיינע גיטל.

וועל איך זיך פאַר איר פאַרנויגן,
אויף אַ רגע אויפהויבן דעם היטל.
זאָל זי זעהן אַז איך קאָן זיין איידל,
אָט די שוואַרץ־חנ'עוודיגע גיטל.

איז שוין היינט דער 15טער סעפּטעמבער, —
באַלד פאַרשווינדן אַלע זומערדיגע היטלען.

כ'בין אין פּאַרק אַליין אַרומגעגאַנגען.
ס'האָט געשיינט די זון, איך האָב געטראַכט פון גיטלען.

1921

ציבעלע־שאָלאַכץ

(צו אַ ניו־יאָרקער מיידל)

דו לאַכסט, און דו לאַכסט, און דו גלויבסט ניט, —
ביזט וועלטליך, גרויסשטאָטיג ביזטו;
נאָר איך, אַ קליינשטעטלדיג דיכטער —
איך וועל שוין ניט האָבן קיין רו.

איך זאָג: פון יעצט אָן אין מיין האַרצן
געוועלטיקט נאָר איינע, נאָר דו.
נאָר דו רופסט עס „ציבעלע־שאָלאַכץ״,
גרויסשטאָטיג פאַרדאָרבן ביזטו.

1931

אין אַ גרעסערן שפּאַס פון עטלעכע דיכטער האָט זיך איינער אויסגעדריקט אַז עס זיינען דאָ איצט אין אונדזער ליטעראַריש וועלטל מענשן, וועלכע שרייבן אַזעלכע לידער, וואָס קיין געדאַנק אין אין זיי ניטאָ, די ווערטער קלעפּן זיך ניט איינס צום צווייטן, נאָר מען שאַפט אַ גראַם און מען רופט עס ליד. הערנדיג די ווערטער איז מיר איינגעפאַלן צו שרייבן די דאָזיגע זאַך, וואָס אַז איר ווילט איז עס אַ ליד, און אַז איר ווילט איז עס שדים וויסן וואָס.

א ו נ ז י ן

הערט, אידן, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה —
מיך אַרט ניט צי ס׳וועט אייך געפעלן צי ניט;
ס׳קאָן זיין איר וועט זאָגן — דער מאַן איז מטורף;
ס׳קאָן זיין איר וועט זאָגן — וואָס נודיעט דער איד?

*　　*　　*

איך האָב ניט געשפּאַנט איבער מאַרמאָרענע זאַלן,
כ׳האָב זיך ניט געשפּיגלט אין ריינעם קרישטאָל —
מיט נאַקעטע פיסלאך געטאַנצט איבער בלאָטעס —
געוועזן איז עס לאַנג שוין, אין וויטן אַמאָל.

* * *

מיר האָט זיך געחלום'ט: די טעג ווי אַ כמאַרע.
עס קלינגט ניט קיין גלאָק צו די וואָלקנס אַרויף.
זאָל קלינגען, זאָל ברומען, זאָל עמיצער קומען,
זאָל עמיצער ציען פון ערגעץ אַ שרויף.

* * *

די בלויקייט פון הימל, די גרינקייט פון שימל —
מיך אַרט ניט, עס וואַרט ניט קיין מלאך אָט־דאָ.
וואָס טויג מיר מלאכים — עס זיינען דאָ שבחים
פאַר מענשן פאַראַן יעדן טאָג, יעדע שעה.

* * *

געפעלט אייך די מעשה? — די ציג איז אַ ווייסע.
די מאַנדלען אין וויגל, — די ראָזינקעס — זיס.
נאָר איך בין אַ אינגל — אַנטלויף איך פון שטיבל,
און טאַנץ איבער בלאָטעס מיט ברודיגע פיס.

1944

פרויען, וואַרפט אַוועק דאָס שמינק!

כ׳האָב ליב צו קוקן אויף די פּנים׳ער פון יונגע פרויען.
זיי דערמאָנען אָן דער זון פון פרילינג,
און אָן דעם זומערדיגן פרישן גראָז.
נאָר אַז זיי שמירן זיך די ליפּן אָן מיט רויטער שמיראַכץ
דאַן דוכט זיך מיר — עס קוקן אויס די מיילער זייערע
אַזוי ווי — כ׳ווייס? — אַזוי ווי שדים ווייסן וואָס.

1944